גליון 300
בראשית תשפ"ז



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## אַכְטוּנְג: ס'שְׁמֶעקְט פוּן גֶעלְט!

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל תְּפִילָּה, אַז דֶער גִּיבּוֹר הָאט גֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע מְדִינָה וָואס אִיז גֶעוֶוען פַארְזוּנְקֶען אִין דִי תַּאֲווֹת הַמָּמוֹן, אוּן זֵיי גֶעפִירְט צוּ אַ קָאךְ וואוּ עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין פַייעֶר. דָאס עֶסְן דָארְט הָאט מֶען נָאר גֶעקֶענְט קָאכְן דוּרְךְ אַ בַּארְג פוּן פַייעֶר. דֶער בַּארְג פַייעֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר וַוייט, אָבֶער עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען וֶועגְן אוּן רֶערְן וָואס הָאבְּן גֶעפִירְט פוּנֶעם בַּארְג בִּיז צוּם קָאךְ.

אִין אָנְפַאנְג הָאט עֶר זֵיי גֶעפִירְט קֶעגְן דֶעם וִוינְט, אוּן דֶער גֶעשְׁמַאקֶער רֵיחַ פוּנֶעם עֶסְן הָאט זֵיי דֶערְגְרֵייכְט. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אַיינְבֶּעטְן בַּיי אִים אַז עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן עֶפֶּעס פוּן דִי מַאֲכָלִים. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גֶעפִירְט קֶעגְן דֶעם וִוינְט, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן: "עֶס אִיז דָא דָא אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע רֵיחַ!"

הָאט דֶער גִּיבּוֹר זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זֶעט דָאךְ אַלֵיין אַז דָא אִיז נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט וָואס זָאל נִישְׁט-גוּט שְׁמֶעקְן; דֶערִיבֶּער מוּז זַיין אַז דָאס שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ קוּמְט פוּן אַייךְ אַלֵיין."

דַאן הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן עֶפֶּעס פוּנֶעם עֶסְן. תֵּיכֶף וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּוַארְפְן זֵייעֶר גַאנְצֶע זִילְבֶּער אוּן גָאלְד. יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגְרָאבְּן אַ גְרוּב אוּן זִיךְ בַּאגְרָאבְּן דָארְט פַאר גְרוֹיס בּוּשָׁה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט. דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל זֵיי הָאבְּן פְּלוּצְלִינְג דֶערְשְׁפִּירְט דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן רֵיחַ פוּן גֶעלְט, וָואס אִיז מַמָּשׁ וִוי מִיאוּסֶ'ע אָפְּפַאל.

עֶס אִיז עֶרֶב סוּכּוֹת, אוּן דִי יוֹם-טוֹב'דִיגֶע נִיגוּנִים קְלוּנְגֶען אָפּ אִין דִי גַאסְן. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעלָאפְן מִיט בְּרֶעטֶער אִין דִי הֶענְט, אָבֶער אִין דוֹב'ס קָאפּ אִיז נָאר גֶעלָאפְן אֵיין מַחֲשָׁבָה: "צוּ פַארְדִינֶען וִוי מֶער גֶעלְט!" עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַרְבֶּעט אִין אַ קִיאָסְק צוּ רֵיינִיגְן דִי גֶעשֶׁעפְט, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעלָאפְן פַארְקוֹיפְן פַאפְּקָארְן אִין פַּארְק, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם הוֹיזְוַוארְג פַארְקוֹיפֶער אוֹיף אַרְבֶּעט אִין זַיין גֶעשֶׁעפְט. אַזוֹי אַרוּם הָאט עֶר אָנְגֶעזַאמְלְט מֶער אוּן מֶער גֶעלְט אִין זַיין קֶעשֶׁענֶע. דוֹב הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּארֶעכְטִיגְט מִיטְ'ן זָאגְן: "אֲפִילוּ אַ אִינְגֶל אִין כִּתָּה ז' מֶעג פַארְדִינֶען גֶעלְט..."

דוֹב אִיז גֶעוֶוען פוֹל מִיט עֶנְטוּזִיאַזְם. אַזוֹי וֶועט עֶר רַייךְ וֶוערְן... דֶער גֶעשֶׁעפְט אֵייגְנְטוּמֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ סָארְטִירְן נֶעגְל אוּן שְׁרוֹיפְן. דוֹב אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען צְוִוישְׁן דִי קוּנְדְן אוּן זִיךְ אֲפִילוּ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַ חֶבְרָה-מַאן. עֶר הָאט זִיךְ אֲפִילוּ גֶעלֵייגְט אֵיין פֵּאָה הִינְטֶערְן אוֹיעֶר... עֶר הָאט יֶעדְן גֶעפְרֶעגְט אוֹיב עֶס אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס אַרְבֶּעט פַאר אִים כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען מַאכְן נָאךְ גֶעלְט. אֵיין מָאל הָאט דוֹב גֶעזֶען אַ סֶערְוֶועטְל מִיט אַ בִּילְד פוּן אַ דָאלֶער דֶערוֹיף; זַיין פָּנִים הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר וִויל מַמָּשׁ אוֹיפְעֶסְן דִי סֶערְוֶועטְל...

אֵיין טָאג, וֶוען זַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי נוֹי סוּכָּה, הָאט עֶר שְׁנֶעל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ יָאג זִיךְ צוּ דִי אַרְבֶּעט; אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן צוּ פַארְלִירְן גֶעלְט."

אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְט הָאט עֶר גֶעשְׁלֶעפְּט שְׁוֶוערֶע הָאלְץ אוּן בְּרֶעטֶער אוּן בּוּנְטְלֶעךְ סְכַךְ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן דוּרְכְגֶעוֵוייקְט מִיט שְׁוֵויס. עֶר הָאט אֲפִילוּ דְרַיי מָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד. בְּלוֹיז בְּדֶרֶךְ נֵס אִיז עֶר נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט גֶעוָוארְן. דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע, הָאט עֶר כְּסֵדֶר גֶעטְרַאכְט, אִיז דִי הֲנָאָה וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן פוּנֶעם גֶעלְט וָואס עֶר גֵייט בַּאקוּמֶען. דוֹב הָאט זִיךְ בַּארִימְט פַאר יֶעדְן וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען: "אִיךְ בַּאקוּם אַכְט שְׁקָלִים פַאר יֶעדֶע שָׁעָה אַרְבֶּעט." זַיינֶע בֵּיינֶער הָאבְּן אִים וֵויי גֶעטָאן. זַיין גַאנְצֶע קֶערְפֶּער אִיז גֶעוֶוען שְׁמוּצִיג פוּן הָאלְץ-שְׁטוֹיבּ.

דַאן, אֵיין טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי זַיינֶע חֲבֵרִים נָתִי אוּן יוֹסִי לֶערְנֶען הוֹיךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִילָּה. פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי מִיאוּס עֶס אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס יָאגְט נָאךְ גֶעלְט, בִּיז אַזַא דַּרְגָּא אַז עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אִים אַ גֶעמֵיינֶע גֶערוּךְ. עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען אוּן גוּט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן 'גֶעגֶעסְן פוּנֶעם צַדִּיקְ'ס עֶסְן' – דָאס מֵיינְט זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן מַעֲשִׂיּוֹת – בִּיז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז פוּן אִים אַלֵיין קוּמְט אוֹיךְ אַרוֹיס אַ רֵיחַ. עֶר הָאט אוֹיךְ אַיינְגֶעזֶען אַז זַיין טַאטֶע אַרְבֶּעט נָאר אַבִּיסְל, פּוּנְקְט גֶענוּג אוֹיף צוּ קוֹיפְן עֶסְן פַארְ'ן שְׁטוּבּ, אוּן נִישְׁט צוּלִיבּ תַּאֲוּוֹת הַמָּמוֹן. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט דוֹב גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל צוּ זַיינֶע חֲבֵרִים: "דָאס אִיז עֶס. אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהֶערְט נָאכְצוּלוֹיפְן גֶעלְט. עֶס וֶועט מִיר נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קֵיין שׁוּם שִׂמְחָה אָדֶער גְלִיק. דָאס נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַארְ'מִיאוּסְ'ט, שְׁמוּצִיג, אוּן דֶערְנִידֶערְט אוֹיף אוֹפַנִּים וָואס אִיךְ הָאבּ מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט..."



# ספּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (18)

**הָאט דֶער גִבּוֹר גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם מֶלֶךְ.** מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶער עֲבוֹדָה זָרָה פוּן גֶעלְט. **הָאט דֶער גִבּוֹר גִיזָאגְט צוּם מֶלֶךְ** אִיךְ הָאב פוּן אַייךְ גִיהֶערְט. אַז דָארְךְ דֶעם וֶועג וָואס אִיךְ הָאב צוּ דֶער שְׁוֶוערְד. דָארְךְ דֶעם קָאן מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם וָואס עֶר אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. הָאט אִים דֶער מֶלֶךְ גִיעֶנְפֶערְט יוֹא סֶע אִיז אַזוֹי.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט דֶעם גִבּוֹר.** (דִי זַאךְ וִוי אַזוֹי מֶע קָאן דוֹרְךְ דֶעם וֶועג זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט) **בַּאֲשֶׁר אִין דֶעם וֶועג וִוי עֶר גֵייט צוּ דֶער שְׁוֶוערְד. אִיז פַארְהַאנְדִין אַ וֶועג אִין דֶער זַייט.** קוּמְט מֶען מִיט דֶעם וֶועג צוּ אֵיין פַייעֶרְדִיקִין בַּארְג. אוּן אוֹיף דֶעם בַּארְג לִיגְט אַ לֵייבּ. **אוּן דֶער לֵייבּ אַז עֶר בַּאדַארְף עֶסִין** גֵייט עֶר אוּן פַאלְט אוֹיף דִי טְשֶׁערְדֶעס אוּן נֶעמְט זִיךְ שָׁאף אוּן בְּהֵמוֹת אוּן עֶסְט זֵיי אוֹיף. אוּן דִי פַּאסְטֻיכִים וֵויסִין דֶערְפוּן. אוּן זֵיי הִיטִין זֵייעֶר דִי שָׁאף פַאר אִים. **לוּשְׁמִיר דֶער לֵייבּ קוּקְט גָאר דְרוֹיף נִיט.** נָאר אַז עֶר וִויל עֶסִין פַאלְט עֶר אוֹיף דִי טְשֶׁערִידֶעס. אוּן דִי פַּאסְטֻיכִים קְלַאפִּין אוּן שְׁלָגִין אוּן שְׁטוּרְמִין אוֹיף אִים.

**לוּשְׁמִיר דֶער לֵייב הֶערְט דָאס גָאר נִיט.** נָאר עֶר נֶעמְט זִיךְ שָׁאף אוּן בְּהֵמוֹת. אוּן בְּרוּמְט אוּן עֶסְט זֵיי. אוּן דֶעם בַּארְג פוּן פַייעֶר זֶעהְט מֶען גָאר נִיט (כְּלוֹמֶר סֶע אִיז דָארְט פַארְהַאנְדִין אַ בַּארְג פוּן פַייעֶר. נָאר מֶע זֶעהְט אִים נִיט). **אוּן וִוידֶער פוּן דֶער זַייט אִיז נָאךְ פַארְהַאנְדִין אַ וֶועג.** קוּמְט מֶען מִיט דֶעם וֶועג צוּ אֵיין אָרְט וָואס סֶע הֵייסְט קֶעךְ. אוּן דָארְט אִין דֶער קֶעךְ אִיז פַארְהַאנְדִין אַלִירְלֵיי מַאֲכָלִים. אוּן אִין דֶער קֶעךְ אִיז קֵיין שׁוּם פַייעֶר נִיט פַארְהַאנְדִין.

**נָאר דִי מַאֲכָלִים וֶוערִין גִיקָאכְט** דָארְךְ דֶעם בַּארְג פוּן פַייעֶר הַנַּ"ל אוּן דֶער בַּארְג פוּן פַייעֶר אִיז פוּן דָארְט זֵייעֶר וַוייט. נָאר סֶע גֵייעֶן שְׁטֶעשְׁקִיס אוּן אַזוֹ וִוי רִינְוִויס פוּן דֶעם בַּארְג פוּן פַייעֶר צוּ דֶער קֶעךְ. אוּן דָארְךְ דֶעם וֶוערִין גִיקָאכְט אַלֶע מַאֲכָלִים הַנַּ"ל.

**אוּן דִי קֶעךְ זֶעהְט מֶען אוֹיךְ גָאר נִיט אַרוֹיס.** נָאר סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ סִימָן. סֶע שְׁטֵייעֶן דָארְטִן פֵייגִיל אוֹיף דֶער קֶעךְ. אוּן דָארְךְ דֶעם וֵוייסְט מֶען אַז דָארְט אִיז דִי קֶעךְ אוּן דִי פֵייגִיל פָּאכִין מִיט דִי פְלִיגִיל. **אוּן דָארְךְ דֶעם צִינְדִין זֵיי אָן דָאס פַייעֶר** אוּן פַארְלֶעשִׁין דָאס

פַייֶער. דְהַיינוּ דָארְךְ דֶעם וָואס דִי פֵייגִיל פָּאכִין דוּרְךְ דֶעם בְּלָאזִין זֵי אוֹיף אוּן צוּנְדִין אָן דָאס פַייֶער. אוּן וִוידֶער טַאקֶע דָארְךְ זֵייֶער פָּאכִין פַארְלֶעשִׁין זֶיי דָאס פַייֶער אַז דָאס פַייֶער זָאל נִיט פְּלַאמֶען צוּ שְׁטַארְק מֶער אֵיידֶער מֶע בַּאדַארְף.

**און זֵיי בְּלָאזִין אוֹיף דָאס פַייֶער** וֶועדְלִיג מֶע בַּאדַארְף צוּ דִי מַאֲכָלִים דְהַיינוּ צוּ דֶעם מַאֲכָל בַּאדַארְף מֶען אַזוֹי אַ פַייֶער. אוּן צוּ אֵיין אַנְדֶער מַאֲכָל בַּאדַארְף מֶען אֵיין אַנְדֶער פַייֶער. אַלְץ וֶועדְלִיג דֶעם מַאֲכָל אַזוֹי בְּלָאזִין דִי פֵייגִיל אוֹיף דָאס פַייֶער. (דָאס דֶערְצֵיילְט אַלְץ דֶער מֶלֶךְ דֶעם גִבּוֹר).

**בְּכֵן זָאלְסְטוּ זֵיי פִירִין** (דְהַיינוּ דִי לַייט פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען גָאטִין) **פְּרִיר אַקֶעגִין** וִוינְט. כְּדֵי דֶער רֵיחַ פוּן דִי מַאֲכָלִים. זָאל זֵיי פַאר גֵייֶען. דֶערְנָאךְ אַז דוּ וֶועסְט זֵיי גִיבִּין פוּן דִי מַאֲכָלִים. וֶועלִין זֵי שׁוֹין בְּוַודְאַי אַוֶועק וַוארְפִין דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. **הָאט דֶער גִבּוֹר אַזוֹי גִיטָאן.** און הָאט גִינוּמֶען דִי דָאזִיגֶע לַייט. דְהַיינוּ דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען גָאטִין אִין זֵייֶער מְדִינָה. וָואס זֵיי זֶענֶען אַהֶער גִיקוּמֶען מִיט דֶעם מְמוּנָה כַּנַ"ל

**און אַז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן זֵייֶער מְדִינָה** מִיט דֶעם מְמוּנָה הָאבִּין זֵיי דִי מְדִינָה כֹּחַ גִיגִיבְּן. אַז וָואס זֵיי וֶועלִין טָאן זָאל זַיין גִיטָאן. און גָאר דִי מְדִינָה מוּז צוּ שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַלִימֶען וָואס זֵי וֶועלִין טָאן. **הָאט דֶער גִבּוֹר גִינוּמֶען דִי לַייט.** און הָאט זֵיי גִיפִירְט אִין דֶעם וֶועג. (וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גִיזָאגְט כַּנַ"ל) **און עֶר** הָאט זֵיי גִיבְּרַאכְט בִּיז דֶער קֶעךְ וָואס דָארְט זֶענֶען דִי מַאֲכָלִים. און פְּרִיר הָאט עֶר זֵיי גִיפִירְט אַ קֶעגִין וִוינְט אִיז זֵיי פַאר גַאנְגֶען דֶער רֵיחַ פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי אִים אָנְגִיהוֹיבִּין זֵייֶער צוּ בֶּעטִין אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין פוּן דִי גוּטֶע מַאֲכָלִים. **דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גִיפִירְט פוּן דֶעם וִוינְט.** הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייֶען. סֶע שְׁטִינְקְט זֵייֶער. הָאט עֶר זֵיי וִוידֶער גִיבְּרַאכְט אַקֶעגִין וִוינְט. אִיז זֵיי וִוידֶער פַארְגַאנְגֶען דֶער גוּטֶער רֵיחַ פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי אִים וִוידֶער זֵייֶער גִיבֶּעטִין. אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין פוּן דִי מַאֲכָלִים. **דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי וִוידֶער גִיפִירְט** פוּן דֶעם וִוינְט הָאבִּין זֵיי וִוידֶער אָנְגִיהוֹבִּין צוּ שְׁרַייֶען סֶע שְׁטִינְקְט זֵייֶער וִוילְד. **הָאט זִיךְ דֶער גִבּוֹר צוּ זֵיי אָנְגִירוּפִין.** אִיר זֶעהְט זִיךְ אַז סֶע אִיז דָא גָאר נִיט פַארְהַאנְדִין קֵיין שׁוּם זַאךְ וָואס סֶע זָאל שְׁטִינְקֶען. מוּז בְּוַודְאַי זַיין אַז אִיר אַלֵיין שְׁטִינְקְט עֶס. וָוארְן דָא אִיז נִיט דָא קֵיין שׁוּם זַאךְ וָואס סֶע זָאל הָאבִּין אַ רֵיחַ רַע.

**דֶערְנָאךְ. הָאט עֶר זֵיי גִיגִיבְּן פוּן דִי מַאֲכָלִים.**

נאמען:______________

# לאמיר זיין פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (18)

**א. וואס האבן זיי געזאגט ווען דער גבור האט זיי געפירט קעגן די ווינט?**

- ❑ אז עס שטינקט זייער
- ❑ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ❑ אז עס איז דא א גוטער גערוך

**ב. וואס האבן זיי געזאגט ווען דער גבור האט זיי געפירט פון דעם ווינט?**

- ❑ אז עס שטינקט זייער
- ❑ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ❑ אז עס איז דא א גוטער גערוך

**ג. וויפיל מאל האט דער גבור זיי געפירט א קעגן דעם ווינט?**

- ❑ איין מאל
- ❑ צוויי מאל
- ❑ דריי מאל

**ד.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

אינטרעסאנטע שאלות אויף גאנץ מעשה פון דער בעל תפילה

א. וואספארא סדר האט דער בעל תפילה דערמאנט די אנשי המלך? און וועמען האט ער נישט דערמאנט?

ב. וועלכע סדר פון די כתות האט דערמאנט איינער פון די גבורים פארן בעל תפילה? און וועלכע כתה האט ער נישט דערמאנט?

ג. וואספארא סדר האט דער בעל תפילה דערמאנט די אנשי המלך פארן גבור? און וועמען האט ער נישט דערמאנט?

ד. וועלכע סדר האבן די כתות געטראפן די אנשי המלך? און וועלכע כתה האט נישט געטראפן?

## תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (17)

### אויף וועמען שטייט?

הָאבִּין דִי דְרַייִ גִיזָאגְט אַז סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז דָאס מוּז זַיין אוּנְזֶער חָכָם

הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין דֶער מֵלִיץ

הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין. דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין דִי בַּת מַלְכָּה

הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסְן אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי דָאס קִינְד זֵייעֶרְס

הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין. אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי זֵייעֶר מֶלֶךְ אַלֵיין

ביי וועמען שטייט נישט אז זיי האבן פארשטאנען ווער איז דאס? ביי דער אוהב נאמן און די מלכה

### ביי וועמען שטייט?

אִיז בְּוַודְאַי דָארְט גִיוֶועְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה? ביי חכם

אִיז גִיוֶועְן צְוִוישְׁן זֵיי אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה? ביי מליץ

אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גִיוֶועְן אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה? ביי אוהב נאמן

אוּן דִי שִׂמְחָה וָואס דָארְט אִיז גִיוֶועְן. קָאן מֶען בְּוַודְאַי נִיט מְשַׁעֵר זַיין? ביי די בת מלכה

אִיז בְּוַודְאַי דָארְט גִיוֶועְן זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה? ביי דאס קינד

אִיז דָארְט בְּוַודְאַי גִיוֶועְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה? ביי די מלכה

אוּן דִי שִׂמְחָה וָואס דָארְט אִיז גִיוֶועְן קָאן מֶען בְּוַודְאַי נִיט מְשַׁעֵר זַיין אִין מוֹחַ? ביי דער מלך

דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדֵּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com